ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## ו' טבת תשס"ו

## פרשת ויגש

טייערע קינדער שלוחים! מיר האלטן איצט אין חודש טבת, דעם קאלטסטן חודש. דער חודש ווען יעדער זוכט וועגן ווי זיך צו אנווארעמען פון די דרויסנדיגע קעלט. איר, אלס די געטרייע שלוחים, האט א צוגעגעבענע עבודה. ניט נאר דארפט איר זיך היטן פון דעם קעלט, נאר איר דארפט אויך זוכן צו אנווארעמען אנדערע. דווקא ווען אין וועלט איז קאלט דארף מען האבן די ווארעמקייט וואס די שלוחים ווי אייך פארשפרייטן.

דאס דערמאנט מיר די מעשה וועגן א פאר מענטשן וואס האבן געזעסן אין א קאלטע צימער. איינע פון זיי איז אויפגעשטאנען, און האט געזאגט "עס איז אזוי קאלט!". ער איז ארויס געגאנגען פון צימער און איז צוריקגעקומען מיט א ווארעמע מאנטל. "נאר דאס האסטו געטראכט טאן?!" האט מען אים געזאגט. "דו האסט געקענט מאכן א פייער, און אזוי אנווארעמען אלע וואס געפינען זיך יעצט אין דעם צימער!!" דאס איז דער עבודת השליחות – צו אנווארעמען דעם ארום. הצלחה רבה אין אייערע ארבעט קינדער. ווארעמט אן די וועלט און לאמיר שוין זוכה זיין צו די ווארעמקייט און ליכטיקייט פון משיח נאו!!!

א. וועכטער

## דעם חסידישן לוח



### עשרה בטבת

די גויים האבן ארום גערינגלט ירושלים<br>
געלאזט קיינעם ניט ארויס,<br>
מען האט ניט געהאט עסן<br>
און דער הונגער איז געווען זייער גרויס.<br>
מיר פאסטן יעצט יעדן יאר<br>
און בעטן ביים אויבערשטן דערפאר<br>
"שיבנה בית המקדש"<br>
ענדיגן שוין אונזער צער!!

אויף דעם טאג פון עשרה בטבת האבן די שלעכטע גויים ארומגערינגלט ירושלים, און זיי האבן ניט געלאזט אידן ארײנקומען אדער ארויסגיין. זיי האבן געוואלט צווינגען די אידן זיך אונטערטעניגן אונטער זיי. די אידן האבן ניט געהאט עסן, אבער מיטן אויבערשטנס הילף האבן זיי זיך געהאלטן שטארק פאר כמעט דריי יאר. דער אויבערשטער האט געווארט אויף זייער תשובה.

אבער, די אידן האבן ניט תשובה געטאן און דריי יאר שפעטער איז די וואנט ארום ירושלים צובראכן געווארן און מען האט באלד פארברענט דעם הייליקן בית המקדש.

יעדן יאר אויף דעם טאג פון עשרה בטבת פאסטן די אלע וואס זיינען עלטער פון בר/בת מצוה. דער עיקר פון א פאסט טאג איז ניט נאר דעם פאסט, נאר אונזער תשובה, און דעם תפילה צום אויבערשטן אנצונעמען אונזער תשובה און שוין אויפבויען דעם בית המקדש השלישי!!

## לעבן מיט דער צייט



### פרשת ויגש

"וירא את העגלות אשר שלח יוסף"

אין היינטיקער פרשה ווערט דערציילט, אז ווען די ברידער זיינען צוריקגעקומען צו יעקב'ן פון מצרים האבן זיי אים איבערדערציילט די רייד פון יוסף, און דערנאך שטייט: "וירא את העגלות גו' ותחי רוח יעקב אביהם" (יעקב האט געזען די וואגנס און דער גייסט פון יעקב האט אויפגעלעבט).

טייטשט רש"י: " סימן נתן להם במה הי' עוסק כשפירש ממנו - בפרשת עגלה ערופה, וזהו שנאמר וירא את העגלות אשר שלח יוסף": יוסף האט איבערגעגעבן די ברידער א סימן (צו אויפווייזן יעקב'ן אז ער איז יוסף) – מיט וואס זיי, יעקב און יוסף, האבן זיך באשעפטיקט ווען יוסף האט זיך אפגעשיידט פון יעקב'ן - די פרשה פון עגלה ערופה. און דאס מיינט דער פסוק "וירא את העגלות (דערווארט "עגלות" איז א רמז אויף "עגלה ערופה") אשר שלח יוסף".

זעט מען דא א וואונדערלעכן ענין:

יוסף איז שוין געווען אפגעשיידט פון יעקב אבינו צוויי און צוואנציק יאר. פונדעסטוועגן האט יוסף געדענקט גענוי וואס ער האט געלערנט מיט יעקב ווען ער האט זיך פון אים אפגעשיידט. ניט געקוקט אויף דעם וואס במשך די צוויי און צוואנציק יאר איז יוסף געווען אין מצרים, און איז געווען פארנומען מיט פארשידענע זאכן, ביז צו זיין דער "מושל" אין גאנץ ארץ מצרים - זיינען די ווערטער וואס ער האט געלערנט מיט יעקב, מיט צוויי און צוואנציק יאר פריער געבליבן איינגעקריצט ביי אים אין זכרון!

דערמיט איז פארשטאנדיק וואס עס שטייט גלייך נאך דעם "ותחי רוח יעקב אביהם", ווייל ווען יעקב האט געהערט אז יוסף, נאכן זיין אין מצרים צוויי און צוואנציק יאר, געדענקט ער וואס ער האט מיט אים געלערנט, פארשטייט זיך ווי יעקב האט זיך דערמיט אפגעלעבט.

דערפון איז אויך א קלארע אנווייזונג פאר אידישע קינדער:

מען דארף לערנען תורה מיט אזויפיל חיות און מיט אזא גרויסער שטארקייט ביז אז די ווערטער ווערן ביי אים איינגעקריצט אין זכרון, און אז ער טרעפט א אידן אין גאס קען ער אים דערמאנען וואס זיי האבן געלערנט צוזאמען מיט צענדליקער יארן פריער!

און דורך דעם איז - "ותחי רוח יעקב אביהם": ווען יעקב אבינו, זיצנדיק אין גן-עדן, זעט א אידן וואס געפינט זיך אין גלות און דאך געדענקט ער די תורה וואס ער האט געלערנט צענדליקער יארן פריער, גיט דאס צו א

*(המשך אין עמוד 2)*

*(המשך פון לעבן מיט דער צייט)*

נייעם חיות אין דעם גייסט פון יעקב אבינו ווי ער געפינט זיך אין גן–עדן!

און זיכער איז יעקב אבינו מעורר רחמים רבים ביים אויבערשטן, צו אראפברענגען אלעריליי ברכות און הצלחות אין אלץ וואס מען נויטיגט זיך.

און דער עיקר, אז די אלע וואס לערנען תורה אין דעם אופן, וועלן איבערלעבן דעם צושטאנד פון "הונגער" פאר אידישקייט, און "הונגער" פאר ברכות פון דעם אויבערשטן (וויבאלד די גאולה איז נאך ניט געקומען) - און זיינען זוכה גאר אינגיכן צו דער גאולה שלימה דורך משיח צדקנו.

(פון דער רבי רעדט צו קינדער *שיחת אור לח' דחנוכה תשמ"ה* )

*טייערע קינדער, זעט ווי וויכטיג און טייער איז אייערע לערנען!! דער רבי האט פיל מאל געזאגט אז דער אמת'ע גאולה פון די ספרים (וואס מען האט ערשט געפייערט ה' טבת) איז ווען מען באנוצט זיך מיט זיי אין אונזערע לערנען. לערנט גוט און ברענגט נחת צו אייערע עלטערן, צום רבי'ן, און צום אויבערשטן!*




## שליח עושה שליח

פערל כהן איז אויפגעוואקסן אין פראנקרייך אין א משפחה וואס האט ניט געהיטן תורה און מצוות.

נאר ווען זי איז געגאנגען אין קאלעדזש האט זי געפונען שלוחים וואס האבן איר באוויזן די זיסקייט פון א לעבן פול מיט תורה ומצוות.

אין דעם קאלעדזש אין ליאנס, פראנקרייך האט זי אנגעהויבן גיין צו די שיעורים פון דער שליח, ר' שמואל גורעוויטש.

אלץ וואס זי האט געלערנט האט געהאט א גרויסע השפעה אויף איר און זי האט אנגעהויבן פארן צו דעם גורעוויטש משפחה אויף שבת.

עס האט ניט גענומען לאנג ביז זי אליין האט אנגענומען אויף זיך היטן געוויסע מצוות, איין מצוה אויף א מאל. ווען זי האט געלערנט וועגן דער מצוה פון מזוזה, האט מרת גורעוויטש איר געבעטן לייגן א מזוזה אויפן טיר פון איר אפארטמענט, און זי האט מסכים געווען.

זי האט עס ארויפגעלייגט אויפן טיר,אבער עס איז ניט געבליבן הענגן לאנג. זי האט אראפגענומען איר מזוזה נאכדעם וואס איינער האט איר געזאגט אז עס איז א גרויסע געפאר פאר א מיידל וואס לעבט אליין אין פראנקרייך - א פלאץ וואו אסאך זיינען ניט אזוי פריינטלאך צו אידן – צו לייגן אויפן טיר אזא קלארע באוייז אז זי איז א איד.

צוויי וואכן שפעטער האט זי געפונען אויפן טיר א צעטל אז עס איז פאראן א פעקל פאר איר ביים שכן אויפן דריטן שטאק. זי איז ניט געווען אין שטוב ווען דער פאסטמאן איז געקומען, און ער האט געלאזן איר פעקל ביים שכן.

זי איז ארויפגעגאנגען צום שכן און האט גענומען דעם פעקל. אויפן וועג ארויס פון זיין שטוב האט דער שכן זיך געדרייט צו איר און געזאגט "שלום."

"וואס?" האט זי געפרעגט, "ביסטו א איד?"

"זיכער!" האט ער געזאגט, "און איך וויל דיר פרעגן עפעס. פארוואס האסטו אראפגענומען דיין מזוזה?"

זי האט ניט געוואוסט ווי אזוי ער האט בכלל געוואוסט אז זי האט געהאט א מזוזה, אבער זי האט אים ערקלערט אז זי האט מורא געהאט.

אינמיטן אירע רייד האט דער שכן געבעטן אז זי זאל אים לאזן אויסגיסן זיין הארץ.

"איך בין א איד וואס האט פארלוירן מיין גאנצע משפחה אין דעם צווייטע וועלט מלחמה. פון דעמאלט אן האב איך זיך זייער דערווייטערט פון אידישקייט. איך האב דוקא געזוכט לעבן אין א פלאץ אן קיין אידן און אן קיין אידישקייט.

דא אין בנין האב איך אלעמאל גענוצט דעם "עלעווייטער" ארויפצוגיין צו מיין שטוב. לעצטע חודש ווען דער "עלעווייטער" האט זיך צובראכן האב איך גענוצט די טרעפ. ווען איך בין אנגעקומען צו דעם ערשטן שטאק האב איך געזען דיין מזוזה.

אין דרייסיג יאר האב איך ניט געזען א מזוזה!! זכרונות פון מיין ווארעמע יארן פון אידישקייט זיינען צוריקגעקומען צו מיר. איך בין געשטאנען און איך האב געוויינט א האלבע שעה לעבן דיין טיר.

פון יעמאלט אן האב איך אויפגעהערט נוצן דעם עלעווייטער ווייל איך האב געוואלט זען די מזוזה. און יעדער מאל וואס איך בין געשטאנען לעבן דיין מזוזה, האב איך עס געקושט און איך האב זיך פארבונדן מיט מיין אידישקייט. איך האב באשלאסן אז עס איז שוין געקומען די צייט צוריקצוקומען צו דער וועג פון אידישקייט.

איין טאג האב איך געזען אז דיין מזוזה הענגט שוין ניט, און איך בין ממש געווארן צובראכן ביי זיך. איך האב געפילט אז מיין פארבונד צו אידישקייט איז צובראכן געווארן."

דער שכנ'ס הארציקע ווערטער האבן זייער אנגערירט פערל. זי האט אויך געוואלט שטארקן איר פארבונד מיט אידישקייט. זיי זיינען צוזאמען געגאנגען צו דער גורעוויטש שטוב, און פון יעמאלט אן האט זיך געביטן זייער לעבן.

ניט לאנג שפעטער, האט פערל אויפגעבויט אן אמת'ע אידישע, חסידישע שטוב און ר' אברהם - דער שכן – א איד פון זיבעציג יאר אלט, האט אנגעהויבן לעבן נאכאמאל. דאס איז אלץ געווען אין זכות פון דער שליח פון דעם רבי'ן וואס האט אויסגעפירט דעם מבצע מזוזה פון דער רבי - זיין משלח.

*קינדער מיר קענען אסאך לערנען פון דער מעשה. מיר זען אז מיר וויסן קיינמאל ניט וויפל אונזער מעשים קענען אויפטאן. ווען פערל האט געלייגט דעם מזוזה האט זי קיינמאל ניט געטראכט אויף דעם וואס אנדערע קענען דאס זען און עס קען אזוי משפיע זיין.*

*מיר לערנען אויף וויפל ווערט אויפגעטאן דורך אייך – די טייערע שלוחים, ווען שליח עושה שליח - דורך די מענטשן וואס איר ברענגט נענטער צו תורה ומצוות שאפט איר מער שלוחים וואס ברענגען די ליכטיקייט פון אידישקייט ווייטער אין וועלט!!*




קינדער, דער רבי זאגט אונז אז מיר דארפן זיין זייער אפגעהיט אין מצות אהבת ישראל. די וויכטיקייט פון דעם מצוה איז אלעמאל אונטערגעשטראכן אלס א תיקון - א פארריכטונג אויף די עבירה וואס האט געברענגט די גלות - שנאת חנם, פיינט האבן אידן אן קיין ריכטיגע סיבה. דער רבי לייגט צו אז יעצט, אזוי פיל יארן נאך די חורבן, און נאך אזויפיל עבודה פון אלע דורות פון אידן, האבן מיר שוין זיכער מתקן געווען דער חטא. יעצט האט אונזער אהבת ישראל א נייער מיין , זיך אנצוגרייטן אויף די גאולה, לעבן מיט משיח. פונקט אזוי ווי פאר שבת ארבעט מען אויף צוגרייטן אלץ אויף שבת, און מען איז אפילו טועם די עסן פון שבת, טוען מיר יעצט צוגרייטן אויף די גאולה וואס וועט זיין א צייט פון נאר שלום אין דער גאנצער וועלט, דורך אונזער אהבת ישראל יעצט!!

(להעיר - אהבת ישראל איז אויך מיט ברידער און שוועסטער!!)

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת ויגש

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים׳ס אופיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

## דרגה א׳ און ב׳:

שרייב די ענפער צו די שאלות וועגן פרשת ויגש און עשרה בטבת.



1. וואו אין מצרים האט יעקב׳ס משפחה געלעבט?
2. ווער איז געווען די זיביציגסטע פון יעקב׳ס משפחה?
3. ווער האט אנגעזאגט יעקב וועגן די גוטע נייעס אז יוסף לעבט און ער איז קעניג אין מצרים?
4. ווער איז געווען די וויכטיגסטע מאן אין מצרים?
5. ווער איז געווען די צווייטע צו אים?
6. וועלכע פאסט טאג קומט אן די וואך?
7. וואס איז יעקב געווען אין מיטן זאגן ווען ער האט געזען יוסף?
8. אויף וועמען רעדט זיך די ווארט "ויגש"?
9. וועלכע שטאט האבן די גויים ארומגערינגלט?
10. מיט וועלכע ווערטער האט יוסף געזאגט פאר זיין ברודערס ווער ער איז?
11. פון וואנעט זיינען געקומען די וואס האבן פארברענט די ערשטע בית המקדש?
12. ווער איז געווען די קעניג פון די ארמיי וואס האט פארברענט די ערשטע בית המקדש?

די געווינער פון פרשת וישלח: לוי יצחק פעוונזנער, 9

הצלחה רבה

נאמען: ______________________ ווי אלט: ______

אדרעס: ______________________________

______________________________

אימייל: ______________________